# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:11
מוצאי יו"ט.......................7:39

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............................עמוס ז'
בבלי.........................זבחים כ"ג
ירושלמי..................סוטה כ"ט
תוספתא............כלים קמא ב'
רמב"ם...............מלוה ולוה י"ז

יום טוב סוכות, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 3 (721)


## אַ וָוארְט אוֹיף יוֹם טוֹב

וְהָגֵן בַּעֲדֵנוּ מִשַּׁלְהוֹבוֹי וּמִדִּינוֹי דְּצֶדֶק. אִין דִי תְּפִלָּה וָואס מֶען זָאגְט אוּם סוּכּוֹת בִּשְׁעַת פְּתִיחַת הָאָרוֹן, וָואס דָאס קוּמְט פוּן הֵיילִיגְן חִידָ"א זי"ע, בֶּעט מֶען דָארְט, "וְהָגֵן בַּעֲדֵנוּ מִשַּׁלְהוֹבוֹי וּמִדִּינוֹי דְּצֶדֶק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן דִי פֵייעֶר אוּן דִין פוּן 'צֶדֶק'". דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי תְּפִלָּה וָואס מֶען בֶּעט אַז מֶען זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן 'צֶדֶק'?

אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ גֶעפִינֶען מִיר אִין אִדְרָא זוּטָא (זהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ דַּפִּים רפ"ח-רצ"ב), רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ דְרֵיי זַאכְן אִינֶעם טָאג פוּן זַיין הִסְתַּלְּקוּת, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ "אַסְהַדְנָא עָלַי לְכָל אִלֵּין דְּהָכָא, דְּהָא מִן יוֹמָאי לָא בָּטִילְנָא אִלֵּין ג' סְעוּדָתֵי", אַז עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפֶעלְט צוּ עֶסְן אוּם שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת. דִי צְווייטֶע זַאךְ "אַסְהַדְנָא עָלַי. דְּכָל יוֹמִין דְּקָאִימְנָא, תָּאִיבְנָא לְמֶחֱמֵי יוֹמָא דָא", זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבּ עֶר גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם טָאג וָואס עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט. אוּן דִי דְרִיטֶע זַאךְ "אַסְהַדְנָא עָלַי, דְּכָל יוֹמָאי הֲוֵינָא מִצְטַעֵר עַל עָלְמָא, דְּלָא יֶעֱרַע בְּדִינוֹי דְּצֶדֶק, וְלָא יוֹקִיד עָלְמָא בְּשַׁלְהוֹבוֹי", זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר זִיךְ מִצְטַעֵר גֶעוֶוען אַז דִי וֶועלְט זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן דוּרְךְ דִי פֵייעֶר אוּן דִין פוּן 'צֶדֶק'. וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם, וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פוּן 'צֶדֶק'?

עֶס אִיז זִיכֶער דָא הוֹיכֶע סוֹדוֹת וָואס דָאס פֵייעֶר אוּן דִין פוּן 'צֶדֶק' בַּאדֵייט, אָבֶּער מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוֹיסֶער דִי אַלֶע הוֹיכֶע סוֹדוֹת זָאל מֶען זוּכְן וָואס מֶען קֶען נֶעמֶען אִין הַאנְט, וָואס דָאס קֶען מֵיינֶען פַאר מִיר, אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִיצְן אִין לֶעבְּן. הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַ פָּשׁוּט'ע פְּשַׁט וָואס מִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, 'צֶדֶק' - מֵיינְט גֶערֶעכְט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, מִיט זַיין וַוייבּ, מִיט זַיינֶע שְׁכֵנִים, מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶוערְט פָּשׁוּט פַארְבְּרֶענְט; עֶר אִיז צֶעקְרִיגְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַרוּם אוּן אַרוּם, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם, עֶר קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַלֶעס נָאר וַוייל עֶר אִיז פָּשׁוּט גֶערֶעכְט.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְר'ן מִיט אוּנְז דֶעם וָוארְט: "זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט"; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה - נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט נָאר זוּכְן וואו מֶען קֶען זַיין קְלוּג. אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן מַחֲלֹקֶת הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט. דָאס הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעזָאגְט אִין טָאג פוּן זַיין הִסְתַּלְּקוּת: אִיךְ זָאג עֵדוּת אוֹיף מִיר אַז מַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי זַאךְ פוּן 'צֶדֶק', אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט.

דָאס בֶּעטְן מִיר בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן, אִיךְ וִויל זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּ דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז".

דָאס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אוּם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, מֶען אִיז אִינְגַאנְצְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט מֶען דָארְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּ אִים, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט אַלֵיינְס, אֲפִילוּ אַ בְּלֶעטְל וָואס פַאלְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע.

דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס אַ אִיד קֶען צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר זָאל זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט דְּבֵקוּת בַּה'? דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "אֱמוּנָה אִיז דְּבֵיקוּת", אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, סוּכּוֹת תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה

דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה, מֶער פוּן אַנְדֶערֶע מִצְוֹת. אַ אִיד גֵייט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה מִיט זַיין גַאנְצֶען גוּף, מִיט אַלֶע קְלֵיידֶער אוּן מִיט דִי שִׁיךְ, מְ'עֶסְט אוּן מְ'טְרִינְקְט אִין דִי סוּכָּה, מְ'שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן דִי קְדוּשָׁה פוּן דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה.

וֶוען אַ אִיד זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן אַלֶע זַייטְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין דִי סוּכָּה. יֶעדֶעס מָאל מְ'גֵייט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, מְ'עֶסְט אִין דִי סוּכָּה, מְ'שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, הָאט מֶען נָאךְ אַ מִצְוָה, וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם?

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז וֶוען עֶר זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט מִיט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ דוּרְךְ צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה כ"ו, כ') "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ, חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם", וֶוען אַ אִיד זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ צִימֶער מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין,

<<<<<<

## א גוט ווארט

קוֹיף אַ שֵׁיינֶע זַאךְ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב פַאר דַיין וַוייבּ, אַ קְלֵייד אָדֶער אַ צִירוּנְג; אוּן בֶּעט אִיר אִיבֶּער, אוּן הֶער זִיךְ שׁוֹין אוֹיף צוּ קְרִיגְן.

וֶוען וֶועסְטוּ שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי קְרִיגֶערַייעֶן, דָאס וֶועלְן אוֹיסְפִירְן, דָאס וֶועלְן מְנַצֵּחַ זַיין; וִויפִיל וֶועסְטוּ נָאךְ לַיידְן פַאר דִי בִּיסְל תַּאֲוָה פוּן זַיין דֶער וָואס פִירְט אוֹיס? דוּ לַיידְסְט, דַיינֶע קִינְדֶער לַיידְן, יֶעדֶער לַיידְט; גֶעבּ נָאךְ, אוּן בֶּעט אִיבֶּער.

וֶוען מֶען גֶעבְּט נָאךְ - אִיז מֶען דֶער מְנַצֵּחַ, דֶער רֶבִּי הָאט אַלְץ נָאכְגֶעגֶעבְּן אוּן דָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "נִצַּחְתִּי וַאֲנַצֵּחַ", אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן; מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעזָאגְט מֶער וִוי אֵיין מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט, נָאךְ אֵיין מָאל זָאגְן, אוֹיבּ הָאט מֶען גֶעוָואלְט פַארְקֶערְט הָאט עֶר גְלַייךְ מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען אוּן נָאכְגֶעגֶעבְּן; זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי טוּן, גֶעבּ נָאךְ, בֶּעט אִיבֶּער, פַארְגִין אוּן פַארְגֶעבּ - וֶועסְטוּ זַיין דֶער אֱמֶת'עֶר מְנַצֵּחַ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אִין שָׁאטְן פוּן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עש"ק פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסוּכּוֹת,
י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לְפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אַרַיין אִינֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, מִיר גֵייעֶן זִיצְן אִין דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינֶעם שָׁאטְן פוּן אֱמוּנָה, אוּנְטֶער דִי פְּלִיגְלֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַארְפְן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין כַּעַס אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן, וַוייל דוּרְךְ כַּעַס אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה הָאט גֶעבּוֹיט דִי סוּכָּה פַאר רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶרֶב סוּכּוֹת אַז דִי סוּכָּה זָאל זַיין שֵׁיין אוּן פֶעסְט גֶעבּוֹיט. רֶבִּי נַחְמָן זָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען פְּלָאגְט זִיךְ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, מֶען שְׁפִּירְט אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט - ווִי וֶוען מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפְּלָאגְט..." הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַטְעִמֵינוּ טַעַם סוּכָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה', וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט... ?"

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בְּרֶענְג אַרַיין יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה, וַוייל וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט - אִיז דָאךְ אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נִישְׁט רִירְן קֵיין הַאנְט, קֵיין פוּס, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן - נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אוּן הֵייסְט; אָבֶער דִי שִׂמְחָה - דָאס הָאט מִיטְן מֶענְטְשׁ, אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, מֶען פְרֵייט זִיךְ, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי מִצְוֹת - דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר, גֵיי אִין אַ ווִינְקְל, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן אַ טַעַם, אַ הֵיילִיגְקֵייט - אִין דִי שָׁאקְלֶען לוּלָב, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין הַארְץ, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ זוֹיבֶּערְקֵייט, אַ רֵיינְקֵייט. אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי קַאלְט, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג וָואס אִיז סוּכָּה, וָואס אִיז ד' מִינִים, וָואס אִיז הַלֵל, הוֹשַׁעְנוֹת, הַקָפוֹת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ ווִיל נָאנְטְקֵייט צוּ דִיר".

בְּרוּדֶער, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מִיר הָאבְן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הֶערְט אוּנְז אוֹיס, עֶר וַוארְט מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשפ"ד)

## סֵפֶר הַמִדוֹת תּוֹכָחָה

**א.** הַמוֹכִיחַ צָרִיךְ לוֹמַר תּוֹכַחְתּוֹ עַל יְדֵי הִתְקַשְׁרוּת הַדִבּוּר לְשָׁרְשׁוֹ, וְאָז נִתְקַבֵּל תּוֹכַחְתּוֹ. וֶוען מֶען זָאגְט מוּסָר, דַארְף מֶען צוּבִּינְדֶען דִי רֵייד צוּם שׁוֹרֶשׁ, דִי וֶוערְטֶער זָאלְן זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען דִי מוּסָר רֵייד.

**ב.** מִי שֶׁנִשְׁתַּמֵד, אַל תּוֹכַח אוֹתוֹ, כִּי לֹא תּוֹעִיל. זָאג נִישְׁט קֵיין מוּסָר פַאר אַ מְשׁוּמָד, וַוייל עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען, אוּן מְ'קֶען דָארְט פוּעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בְּרוֹיךְ.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִים, סִימָן תרל"ט, סְעִיף ד') אַז מְ'קֶען דַאוֶוענֶען אִינֶעוֵוייִנִיג אִין דִי סוּכָּה אָדֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי סוּכָּה, ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל, דִי פּוֹסְקִים זָאגְן דָארְט (מָגֵן אַבְרָהָם, סְעִיף קָטָן י"ד) אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ קֶען דַאוֶוענֶען רוּאִיג אִין דִי סוּכָּה זָאל עֶר דַאוֶוענֶען דָארְט, אוֹיבּ אָבֶער אִיז דָא אַ שׁוּל אִין שְׁטָאט זָאל עֶר גֵיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל. דָאס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וֶועלְכֶע שְׁטָאט הָאט דֶען נִישְׁט קֵיין שׁוּל? אוּן פַארְוָואס זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען אִין דִי סוּכָּה אוֹיבּ אִיז דָארְט דָא רוּאִיגְקֵייט? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, דִי גֶעהֶערִיגֶע תְּפִלוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, דַארְף מֶען זִיכֶער גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ דִי אֵייגֶענֶע תְּפִלוֹת, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דָאס אִיז יָא זֵייעֶר גוּט צוּ טוּן אִין דִי סוּכָּה. ווִי אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע רוּאִיגְקֵייט פוּן דֶעם אַז אַ אִיד ווֵייסְט אוּן שְׁפִּירְט אַז עֶר זִיצְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אִין אַ שְׁטוּבּ, דָאס עֶפְנְט דָאךְ אוֹיף דָאס הַארְץ, דָאס בְּרֶענְגְט דָאךְ אַ רוּאִיגְקֵייט אוֹיף דִי גֶעווִיסְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיצְנְדִיג אִין דִי סוּכָּה.

סְפֶּעצִיעֶל אִיז דִי סוּכָּה אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שִׁידוּךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ג':) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (וַיִקְרָא כ"ג, מ"ב) "בַּסוּכּוֹת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים", תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ מַה דִירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ; אַז מְ'זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ. דֶערְפַאר, וֶוען אַ בָּחוּר זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי סוּכָּה קֶען עֶר הָאבְן אַ גוּטֶע טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אַז מְ'זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ, אִיךְ בִּין דָא אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מַיין חֵלֶק, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוייבּ, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵימוּת.

נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, ח"א, סי' מ"ח) אַז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז פַאר אַ בָּחוּר דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן קֶענֶען הָאבְן קִינְדֶער. דֶערְפַאר אִיז אִין דִי סוּכָּה דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ שִׁידוּךְ.

לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וֶוען מִיר זִיצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, אוּן דָארְט אִיבֶּערְלָאזְן אוּנְזֶער גַאנְצֶער פֶּעקְל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. מֶענְטְשְׁן לַיידְן לֵיידֶער אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן יִסוּרִים, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע פֶּעקְל צָרוֹת וָואס עֶר שְׁלֶעפְּט מִיט זִיךְ אוּן קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע צָרוֹת אִיז נָאר דוּרְכְ'ן עֶס אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁטִילֶערְהֵייט, וֶוען קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, ווִי שְׁטַארְק עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן. אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט וֶוען גֶעטְרָאפְן אַן אֱמֶת'עֶר נָאנְטֶער חַבֶר אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט פַאר אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, עֶר וָואלְט אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ. דִי זֶעלְבֶּע, אוּן נָאךְ פִּיל מֶער, דַארְף מֶען טוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל פַאר מֶענְטְשְׁן שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נָאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַמָשׁ אַלֶע דֶעטַאלְן, נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן אוֹיסְצוּזָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען יֶענֶער אִיז גָאר אַ נָאנְטֶער חַבֶר. פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אָבֶער יָא אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט צוּ הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּ אִים אוּן בֶּעט אִים זַיין הִילְף. אוּן דָאס קֶען יֶעדֶער אִיד טוּן, סַיי וֶוען אוּן סַיי וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, וֶוען מְ'זִיצְט אָבֶער אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה אִיז מֶען נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אַ אִיד נוּצְט אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה, דַאן קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין אַז וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה נָאךְ יוֹם טוֹב, זָאל עֶר אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זִיךְ אוֹיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְן נָאר אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער. (קוּנְטְרֵס יוֹם טוֹב סוּכּוֹת)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (רכה)

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: ר' זַלְמָן פָּארְט אַרוּם דִי וֶועלְט צוּ נֶעמֶען הַסְכָּמוֹת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

**תשנג**

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער קְלֵיינֶער ר' זַלְמָן בַּאזוּכְט בַּיים בְּרֵייט בַּאקַאנְטְן גֶעוַואלְדִיגֶער גָאוֹן, וָואס אִיז בַּאקַאנְט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט זַיינֶע פִילֶע סְפָרִים, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "בֵּית אֶפְרַיִם", רֶבִּי אֶפְרַיִם זַלְמָן מַרְגָלִיוֹת זי"ע, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַסְכָּמָה, עֶפֶּעס גָאר אוֹיסֶערְגֶעוֶועגְלִיךְ.

**תשנד**

אִין יֶענֶעם וִוינְטֶער אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען קַיין לֶעמְבֶּערְג הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צְבִי אַרְיֵה פוּן אַלִיק זי"ע, זִיךְ צוּ הֵיילְן בַּיי דִי אָרְטִיגֶע דָאקְטוֹירִים, וַוייל עֶר הָאט גֶעלִיטְן אוֹיף אַ מַחֲלָה אוֹיף דִי לוּנְגֶען.

וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צְוִוישְׁן זִיךְ.

וֶוען הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צְבִי אַרְיֵה זי"ע אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, "שׁוֹין דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הַשָּׂגָה אִין דֶעם מֶענְטְשׁ (זֶע אוֹיבְּן אִין סִימָן שכ"א), אָבֶּער יֶעצְט וֵוייס אִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט פוּן אִים, אוּן לוֹיט וִוי עֶס זֶעט אוֹיס דַארְפְן מִיר זִיךְ אַלֶע שֶׁעמֶען פוּן אִים", עֶר הָאט גָאר שְׁטַארְק גֶערֶעדְט דֶעמָאלְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "קְלוּג אִיז עֶר, אַז "וַיֶּחְכַּם מִכָּל הָאָדָם" (מְלָכִים-א ה', י"א) אִיז קַארְג גֶעזָאגְט אוֹיף אִים".

**תשנה**

דֶערְנָאךְ אִיז ר' יַעֲקֹב פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַלֶע דֶעטַאלְן אִיבֶּער דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר (זֶע אוֹיבְּן אִין סִימָן תשמ"ו), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשִׁיקְט אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, ר' דָוִד, עֶר זָאל גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב אוּן זִיךְ פַארְבִּינְדֶען פוּן דָארְט מִיט רֶבִּי נָתָן, וָואס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע צַייט אִין מָאהְלוּב, אַז עֶר זָאל מְסַדֵר זַיין דִי שַׁעַר בְּלַאט אוּן דִי הַקְדָמָה, אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, ר' דָוִד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן פוּן דָארְט הָאט ר' נַפְתָּלִי זִיךְ פַארְבִּינְדֶען מִיט רֶבִּי נָתָן.

רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב נָאנְט צוּ פוּרִים, אוּן ר' נַפְתָּלִי אוּן ר' דָוִד הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל פָארְן מִיט זֵיי צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אֵיינְמָאל אַ גַאנְצֶע נַאכְט פוּן דְרוּקְן זַיין סֵפֶר, אוּן אַז עֶר וִויל זֵייעֶר אַז עֶס זָאל וֶוערְן גֶעדְרוּקְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי וֶועלְט, רֶבִּי נָתָן הָאט אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר שְׁטַארְקֶע מְנִיעוֹת פוּן זַיין וַוייבּ, פוּן זַיין שְׁוֶוער, אוּן פוּן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ צוּ אִיבֶּערְקוּמֶען דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת, אוּן נָאכְדֶערְצוּ צוּ פָארְן אוֹיף אַזַא וַוייטֶע וֶועג קַיין לֶעמְבֶּערְג, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן זֵיי, עֶר הָאט נָאר מְסַדֵר גֶעוֶוען דֶעם שַׁעַר בְּלַאט, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַן הַקְדָמָה, אוּן עֶר הָאט פַארְרָאכְטְן נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן אִינֶעם סֵפֶר וָואס עֶס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט אַהֵיים קַיין מָאהְלוּב.

ר' דָוִד הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט ר' יַעֲקֹב פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, וָואס אוֹיף אִים הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דֶעם שְׁלִיחוּת צוּ דְרוּקְן זַיין סֵפֶר, אוּן עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגוּמֶען דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר מִיט דִי אַלֶע תִּיקוּנִים אוּן מִיט דִי שַׁעַר אוּן הַקְדָמָה, אוּן פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט אוֹסְטְרָאה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן צוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן אוּן פָּארְכְטִיגְן סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן".

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

---

### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזַא דוּרְכְפַאל?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

פוּן אַבִּיסְל נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, שׁוֹין אִיבֶּער זֶעקְס יָאר, בִּין אִיךְ אִין אַ גְרוּפֶּע פוּן אִיבֶּער דְרַייסִיג גֶעשְׁמַאקֶע אִינְגֶעלַייט. אוּנְז שְׁמוּעֶסְן אַסַאךְ אוּן מִיר קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם כְּסֵדֶר צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִין מְלַוֶה מַלְכָּה'ס.

אָבֶּער פוּן דִי גַאנְצֶע גְרוּפֶּע בִּין אִיךְ דֶער גְרֶעסְטֶער דוּרְכְפַאל, אַסַאךְ פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין בִּיזְנֶעס אוּן אִיךְ הָאבּ קוּים בְּרוֹיט אִין שְׁטוּבּ. אַסַאךְ חֲבֵרִים קֶענֶען לֶערְנֶען, אִיךְ זָאג לֶעצְטְנְס אַבִּיסְל אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד מִשְׁנָיוֹת מִיט חוּמָשׁ אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט גָארְנִישְׁט. אַסַאךְ חֲבֵרִים קֶענֶען שְׁפִּילְן מוּזִיק אוּן דַאוֶוענֶען שֵׁיין פַארְן עָמוּד, אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן אוּן נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט לֵיינֶען. רוֹב חֲבֵירִים הָאבְּן שׁוֹין גֶעקוֹיפְט אֵייגֶענֶע גְרוֹיסֶע הַייזֶער אִין אִיךְ לֶעבּ אִין אַ קְלֵיינֶע דִירָה.

יֶעדֶעס מָאל מְ'קוּמְט זִיךְ צוּזַאם, יֶעדֶער שְׁמוּעֶסְט הוֹיךְ אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן. סְ'מַאכְט מִיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אִיךְ פִיל זִיךְ וִוי אַ דוּרְכְפַאל וָואס קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט הָאבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מִיר מוֹחֵל, אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן וְכוּ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, דוּ הָאסְט פַּרְנָסָה; אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט אוֹיף דִי נִסִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, אוּן טוּט מִיט דִיר, זוּכְסְטוּ פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוֹיף וָואס צוּ קְרֶעכְצְן.

עֶס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ צוּ מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי אַ צְוֵוייטְן; עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן צוּ מָאל וִוי דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינְט שֵׁיין, עֶר אִיז מַצְלִיחַ מִיט אַלֶעס, עֶר הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, נַחַת וְכוּ', אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאט דֶער מֶענְטְשׁ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, עֶס אִיז נָאר גֶעמַאכְט, עֶס זֶעט נָאר אַזוֹי אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה - עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוער עֶס הָאט קִנְאָה, עֶר אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בְּפַּשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף אַ נִפְטָר, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִנְאָה, וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֵבֶר. אָבֶּער מוֹהֲרָ"א"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן; אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט נָאךְ בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ, זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן וִוי יֶענֶעם', 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא וַוייבּ וִוי יֶענֶעם', 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא הוֹיז וִוי יֶענֶעם'; וֶוען דֶער גַאנְצֶער יֶענֶער אִיז נֶעבֶּעךְ צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים, עֶס זֶעט נָאר אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַז יֶענֶער לֶעבְּט. אוּן אֲפִילוּ יֶענֶער זָאל יָא הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, דַארְף מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער, אוּן דִי סָארְט שְׁטוּבּ וְכוּ' וְכוּ', דַארְף אִיךְ גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר, אוּן בֶּעסֶער קֶען נִישְׁט זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לד): **"כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל דָּבָר יָקָר מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ, כְּמַעֲשֶׂה דְּאַבַּיֵי וְאַבָּא אֻמָּנָא, שֶׁהֵשִׁיבוּ לוֹ: "לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְּאַבָּא אֻמָּנָא"**, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כא:) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אַבָּא אוּמְנָא, עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא"; אַבַּיֵי פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ גְרִיס פוּן הִימְל - יֶעדֶע עֶרֶב שַׁבָּת, עֶר פְלֶעגְט הֶערְן אַ בַּת קוֹל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי"; רָבָא פְלֶעגְט

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ יָאר דֶעם בַּת קוֹל, יֶעדְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פְּלֶעגְט עֶר הֶערְן: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא"; זָאגְט דִי גְמָרָא אַז אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַּארְוָואס דֶער פָּשׁוּטֶ'ער דָאקְטֶער בַּאקוּמְט יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל אוּן עֶר בַּאקוּמְט דָאס נָאר אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: "לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָא דְאַבָּא אֻמָּנָא", דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּט; דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן אוּן מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵייטְן, וַוייל יֶעדֶער הָאט זַיין נְקוּדָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הַנָאָה פוּן דֶעם, אוּן פַאר דֶעם אִיז עֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן.

אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה וְכוּ'; בִּיסְטוּ דָאךְ רַייכֶער פוּן אַלֶע דַיינֶע כְּלוֹמֶר'יְשֶׁע חֲבֵרִים! וָואס וֶועט יֶענֶער מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, זַיין שֵׁיינֶע קוֹל? זַיין שְׁפִּילְן? זַיין הוֹיז? וָואס? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קכ.): אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ג, ז): 'וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה' – "זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא, וְלֹא מִשְׁנָה, וְלֹא תַּלְמוּד"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרִימַאן; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (נְדָרִים מא.): "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת", וֶוער אִיז אַן אָרִימַאן? דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל; אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, דֶער אִיז אַן אָרֶעמַאן. אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט וֶועט עֶר זַיין אָרֶעם; אִין בֵּית הַחַיִּים נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט קַיין גֶעלְט אוּן קַיין הַייזֶער, דָארְט נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט קַיין שֵׁיינֶע קוֹל, אָדֶער שְׁפִּילְן וְכוּ', דָארְט נֶעמְט מֶען מִיט נָאר תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים; דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיט אַזַא צֶעבְּרָאכְנְקַייט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ צְוִוישְׁן דַיינֶע חֲבֵרִים וִוי אַ פֶּעלֶער, וַוייל זֵיי קֶענֶען דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד אָדֶער שְׁפִּילְן, אוּן דוּ קֶענְסְט גָארְנִישְׁט, נָאר זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן חוּמָשׁ וְכוּ'.

אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן צִי עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט, דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט חֲבֵרִים, אוּן מֶען קוּמְט זִיךְ כְּסֵדֶר צוּזַאם בַּיינַאכְט, אוּן צוּ מְלַוֶה מַלְכָּה'ס; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אַרוֹיס גֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְן אַ מַתָּנָה אַזַא שֵׁיינֶע שְׁטוּב, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט חֲבֵרִים, וָואס הַיינְט אִיז עֶר דַיין חַבֵר אוּן מָארְגְן קֶען עֶר דִיר מֶער נִישְׁט.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי אַ חַבֵר, מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט נָאר אֵיין חַבֵר - זַיין וַוייבּ"; סְתָּם פַארְבְּרֶענְגֶען נֶעכְט מִיט אִינְגֶעלַייט וָואס אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּב, אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶר לֶעבְן, דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט דָאהִי, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין מ:): "כָּל שֶׁאֵין בְּיָדוֹ מִקְרָא, מִשְׁנָה, וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב"; סְתָּם זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִינְגֶעלַייט וָואס עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן קַיין מִקְרָא מִשְׁנָה, אָדֶער פַּרְנָסָה - עֶפֶּעס תַּכְלִית, אִיז אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב.

אַ חַבֵר אִיז אֵיינֶער וָואס וֶוען אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ צָרָה, אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת - שְׁטַארְקְט עֶר מִיר, אוּן עֶר אִיז מִיר מְחַזֵק; וֶוען קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מִיר וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶען וָואס הֵייסְט אַ חַבֵר. אַז מֶענְטְשׁ וֶועט גוּט קוּקְן אוֹיף זִיךְ, וֶועט עֶר זֶען, אַז יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט מֵיינְט עֶר אַז עֶר הָאט אַנְדֶערֶע בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים, אוּן פְּלוּצְלִינְג טוּישְׁט זִיךְ עֶס, אוּן אַלֶע חֲבֵרִים זַיינֶע זֶענֶען פְּלוּצְלִינְג פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשע"ח)

# רֶעגְן אִין דִי סוּכָּה

הַיינְט נַאכְט גֵייעֶן מִיר אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, מִיר גֵייעֶן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט זַיין זַאךְ אִיז סוּכּוֹת; דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֶבִּי נָתָנְ'ס זַאךְ אִיז יוֹם כִּיפּוּר, אוּן זַיין זַאךְ אִיז סוּכּוֹת; וַוייל מֶען גֵייט אַרַיין אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס, גֵייט מֶען אַרַיין אִינֶעם פַּאלַאץ פוּן קֶענִיג.

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן קִנְאַת הַמַּלְאָכִים זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן, וַוייל יֶעדֶע מָאל וֶוען עֶס קוּמְט אַ הֵיילִיגֶע טָאג אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער טוּעֶן הֵיילִיגֶע מִצְוֹות וֶוערְט אַ שְׁטַארְקֶע קִנְאָה בַּיי דִי מַלְאָכִים, אוּן זֵיי זוּכְן אַרָאפְּצוּוַוארְפְן דֶעם אִיד אִין כַּעַס אוּן מַחְלוֹקֶת. (מֶען קֶען עֶס זֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ, וִוי יֶעדֶע שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת, לֵיל הַסֵּדֶר אוּן סוּכּוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה - וִוי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן בְּכַעַס, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען וֶוערְט נֶערְוֶועז - בִּיז מֶען קוּמְט צוּ שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי וַוייבּ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ), דָאס קוּמְט פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס קֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג אוּן אַזוֹי רֵיין, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן א).

# קוּשְׁן דִי וֶוענְט

וֶוען דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה זָאלְסְטוּ קוּשְׁן דִי וֶוענְט אוּן זִיךְ פַארְבֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ ווִיל זַיין אַ גַאנְץ יָאר אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִיר, אִיךְ ווִיל דִיךְ שְׁפִּירְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר אֲפִילוּ פַאר אֵיין רֶגַע".

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט זַיין זַאךְ אִיז סוּכּוֹת, וַוייל סוּכּוֹת וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט עֶסְן אוּן מִיט שְׁלָאפְן, דִי גַשְׁמִיּוּת וֶוערְט אֵיין שְׁטִיק רוּחְנִיּוּת.

# כַּוָּונוֹת הַנַּעְנוּעִים

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי כַּוָּונוֹת הַנַּעְנוּעִים; וֶוען מֶען שָׁאקְלְט צוּ רֶעכְטְס (דָרוֹם) - הָאט מֶען אִינְזִין 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל גֶעדֶענְקֶען וֶוען עֶס גֵייט מִיר רֶעכְטְס אַז אַלֶעס אִיז דִיר', אוּן וֶוען מֶען שָׁאקְלְט צוּ לִינְקְס (צָפוֹן) - בֶּעט מֶען 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַ גַאנְץ יָאר גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵיין לִינְקְס אִיז עֶס אוֹיךְ דוּ', אוּן וֶוען מֶען שָׁאקְלְט צוּ פָארְנְט (מִזְרָח) - זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען 'עֶס אִיז נִישְׁט מַיין גֶעלוּנְגֶענְקֵייט, נָאר אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אוּן וֶוען מֶען שָׁאקְלְט אַרוֹיף צוּם הִימְל (מַעֲלָה) - זָאל מֶען בֶּעטְן 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, הֵייבּ מִיךְ אוֹיף צוּ דִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע שְׁטוּתִים', אוּן וֶוען שָׁאקְלְט אַרָאפּ (מַטָּה) - זָאל מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, קוּם מִיט מִיר מִיט, לָאז מִיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן גֶעפַאלְן, כִּי לֹא יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח, קֵיינֶער וֶועט דָאךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן פַארְשְׁטוֹיסְן', אוּן וֶוען מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף פַארְקֶערְט (מַעֲרִיב) - בֶּעט מֶען 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען אַלֶעס גֵייט מִיר פַארְקֶערְט ווִיל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר'.

מִיר גֶעפִינֶען אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר וִוי דִי תַּלְמִידֵי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי פְלֶעגְן זִיךְ צוּפֵייעֶרְן אוּן זָאגְן 'אִילוּ לֹא בָאנוּ לָעוֹלָם אֶלָּא לְמִשְׁמַע זֹאת דַּיֵינוּ', וָואלְטְן מִיר נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ הֶערְן דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אִיז אוּנְז שׁוֹין גֶענוּג, אוּן דָאס זָאגְן מִיר אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, וָואלְטְן מִיר נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ הֶערְן דִי כַּוָּונַת הַנַּעְנוּעִים, וִוי מִיר פָּשׁוּטֶ'ע אִידְן קֶענֶען זִיךְ אַזוֹי פַארְבֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה אִין אַלֶע מַצָּבִים, דַּיֵינוּ - אִיז דָאס שׁוֹין אַלֶעס וֶוערְד.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשפ"ה)


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **מרדכי לעווינסאן** הי"ו ירושלים עיה"ק
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **אברהם יהודה** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יוחנן שור** הי"ו ירושלים עיה"ק
***
מו"ה **נחמן יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו צפת
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## יום טוב סוכות

דרשות, שיעורי תורה, ניגונים, מגילת קהלת,
מסכת סוכה, מעשיות פאר קינדער, און נאך;
אויף דעם הייליגן און פרייליכן יום טוב סוכות
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 1, 9, 3**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,**
**קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,**
**סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >